# דער וועלט־צענטער פאר פארשן יידיש און יידישע ליטעראטור

## פארלויף פון זעקסטן זומער־פראגראם אין אקספארד

— א. בינדער —

פערציק סטודענטן פון דרום־אפריקע, האלאנד, ישראל, ענגלאנד, די פאראייניקטע שטאטן, פראנקרייך, קאנאדע, שוועדן און שפאניע — די מערסטע הײ־יאר פון אמעריקע — האבן אנומלט אנטיילגענומען אין דער גראדואירונג־צערעמאניע וואס האט אפגעצייכנט דאס פארענדיקן בהצלחה דעם זעקסטן יערלעכן אקספארדער זומער־פראגראם פון יידישער שפראך און ליטעראטור. דער אקספארדער זומער־פראגראם ווערט אפגעהאלטן יעדן אויגוסט ביים אקספארדער צענטער פאר העכערע העברעאישע שטודיעס. וועלכער איז דער פארשונגס־אינסטיטוט ביים אקספארדער אוניווערסיטעט וואס טראגט די אחריות פאר יידישע לימודים אויפן אוניווערסיטעט. ד"ר דוד פאטערסאן, דער גרינדער און פרעזידענט פונעם אקספארדער צענטער, האט געהאלטן די סיום־רעדע, אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט זיין פרייד וואס אקספארד איז מגולגל געווארן אין א וועלט־צענטער פאר דער יידישער שפראך און ליטעראטור. אברהם ליס, דער באקאנטער יידישער ליטעראטור־היסטאריקער און קריטיקער, וועלכער איז דער דירעקטאר פון בית שלום עליכם אין תל־אביב, האט באגריסט דעם עולם.

דעם אקספארדער זומער־פראגראם האט געגרינדעט ד"ר דוד קאץ, א ניו־יארקער, אין 1982. ד"ר קאץ, 31 יאר אלט, איז דער זון פון באקאנטן יידישן פאעט מעינקע קאץ. ער האט עטאבלירט דעם יידיש־לימוד ביים אקספארדער אוניווערסיטעט, ווו ער איז דער ערשטער פולער לעקטאר פון יידיש אין דער געשיכטע פון ענגלאנד. זיין אט־ערשט דערשינענע בוך „די גראמאטיק פון דער יידישער שפראך" איז באנוצט געווארן אין אלע קלאסן ווי דער יסודותדיקער גראמאטישער טעקסט. מיט אים ארבעטן מיט אויך דער לערערשאפט נאך פיר לערער, לאה דאבינסאן, 32, אן אקספארדערין, וועלכע איז געקומען צו יידיש ווי א פולשטענדיקע אנהייבערין, איז היינט אן אנערקענטע יידישע שרייבערין, פארעפנטלעכט אירע דערציילונגען אין די בעסטע יידישע זשורנאלן. זי ארבעט איצט אויף א דאקטאראט איבער דער דיכטונג פון א.נ. שטענצל; פראפעסאר קלמן האטאן, 29 יאר אלט, א לאנדאנער, האט אויך אנגעהויבן פון אלף־בית ביי דוד קאצן. ער האט לעצטנס פארענדיקט זיין אקספארדער

(סוף אויף זייט 10)

— 7/X —

